„RADOMER-KIELCER LEBEN“ № 33 (121) „Należytość pocztową uiszczono ryczałtem“ יאָהרגאַנג דריטער פרייז 25 גראָשען

# ראדאמער-קעלצער לעבען

## הייגט 10 זייטען.


אונזער פריינד
יוסיל האמערשטיין מיט פרוי
צו דער חתונה פון זייער טאָכטער
עווא האַמערשטיין
מיט ה'
לעאָן גאָלדהאַמער
וואונשען מיר די עלטערען פיל נחת
און דעם יונגען פּאָרל אַ גליקליך
צופריעדען לעבען.
בערקע האנצבערג
מיט פרוי און קינדער.


13 go sierpnia 1926 roku ◆◆ פאר'ן אינהאַלט אין טעקסט פון די אַנאָנסען איז די רעדאַקציע נישט פעראַנטוואָרטליך ◆◆ ראדאם פרייטאג ג' אלול ת"ר"פ"ו

## צו אונזערע ג. אבאנענטען!

מיר ווענדען זיך צו אייך מיט דער בקשה, איהר זאָלט העלפען ער־לעדיגען דעם חודש'ליכען בעטרעף פון אונזער צייטונג און נישט לאָזען געהן אומזיסט דעם אינקאַסענט אהנצעהליגע מאהל. מיר וואָלטען, ווי שטענ־דיג אויך דאס איצטיגע מאהל, נישט געווענדעט זיך צו אייך, עס געהט אָבער שוין איבער דער מאָס. און דער אינקאַסענט ווערט פשוט מיעד, לויפענדיג איבער די שוועלען און פיל אבאָנענטען איז דאס נישט, וואס אַ מענש בראַכט די פיס און דרייסט שיך. מיר בעטען דאס צו נעמען אין אכט.

מיר גלויבען דאס די ג. אבאנענטען און לעזער ווייסען ווי געהעריג אָבצושאַצען די פערדינסטען פון אונזער צייטונג, וועלכע זי האט זיך ער־ווארבען אין משך פון איהר עקזיסטענץ, נישט קוקענדיג דערויף, וואס איהר ערשיינען איז פערבינדען מיט אונגעהויערע אנשטרענגונגען, וועלכע האבען זיך אבער לעצטענס פערדאפעלט צוליב דער שלעכטער און פאטאלער מאטעריע־לער לאגע. ס'האלט שוין פשוט דערביי, וואס זיגט א געוויסע צייט ערשיינט אונזער צייטונג ביי דעפיציטען, וועלכע שטעלען איהר ווייטערדיגע עקזיסטענץ אונטער א פראגע־צייכען. די הויפט־סבה פון דער דאזיגער געשאפענער לאגע איז, וואס די אבאנענטען צאָהלען זיך דעם אַבאָנאַמענט'ס־אבצאָהל און דערנאך שלעפען זיי אויף ס'ניי אָב אהן א סוף. דער אינקא־סענט האלט אין איין לויפען און דער מצב פון דער צייטונג ווערט בעדראהט פון וואָך צו־וואָך.

מיר ווענדען זיך דעריבער צו די ג. אַבאָנענטען, זיי זאָלען ערלעדיגען די אַלטע, ווי די נייע חובות ס'איז נאָר איין זלאָטי אַ חודש בעסער געזאָגט 25 גראָשען א וואָך און מיט דער רעגולערער צאָהלונג פון אזא קליינער, ווייניג בעדייטענדער סומע, קאן מען מיטהעלפען אין דער עקזיס־טענץ פון א אייגענער יודישע וואכען־צייטונג, וועלכע איז ממש א נייטהווענ־דיגקייט פאר די אַלגעמיינע לאָקאַלע אידישע אינטערעסען, וואס קענען נאָר מיט דער הילף פון א אייגענעם יודישען ארגאן ווערען געלעזען און ארויס־גערופען ווערען צום לעבען.

די ג. אבאנענטען דארפען געדענקען, אַז אונזער צייטונג ווערט נישט דורך קיינעם סובסידירט און פון קאַפּיטאַליסטען נישט פינאנסירט, נאר איז דער עיקר אנגעוויזען אויף די חודשליכע צאהלונגען פון די אבאנענטען. דערפאַר קאנען מיר נישט אויסצען האבען און דאס אויפהאלטען אונז מיט די צאָהלונגען ווירקט פאראַליזירענדיג אויף דער עקזיסטענץ פון אונזער צייטונג. מיר בעטען דעריבער אונזערע ג. אבאנענטען וואס פריהער צו ערלע־דיגען דעם אבאָנאַמענט'ס־אָבצאָל און נישט פערורזאכען, אַז אַ אייגענע יודישע צייטונג, וועלכע איז ערווארבען געוואָרען נאך אַזוי פיל אַפּפערוויליגקייט און אונגעוועהנליכע אנשטרענגונגען זאל ברויכען אויפהערען צו עקזיסטירען און זיך ענדליך מוזען ליקווידירען.

**צאָהלט רעגוליער דעם חודש־בעטרעף פון אונזער צייטונג**

**און לאָזט נישט לויפען אָהן אויפהער דעם אינקאסענט!**

רעדאקציע און אדמיניסטראציע

„ראדאמער־קעלצער לעבען“.





N i e r o z ł ą c z n e

znaki ochronne JELEŃ i SCHICHT są najlepszą gwarancją dobroci i czystości mydła. Kto dba o bieliznę i o ręce, kto pragnie oszczędzić sobie trudu,

niech nie pozwala wmówić sobie, że inne m y d ł a są równie dobre niech żąda tylko najlepszego

**mydła JELEŃ SCHICHT.**



## טעאַטער „ראזמאיטאשטשי“ טעאַטער

גאַסט־אָלען פון די פעראייניגטע טרופּע פון אידישען אַרטיסטען פעראיין אין ווארשע. ——— מיטן אַנטייל פרויען: זאַריצקאַ, שפילמאַן, מאַכאַ־ראָווסקאַ, פּעגאַל. מענער: פעלד, באָלבּרסקי, מאַכאַראָווסקי, גוטמאַן שיינער.

שבת דעם 14־טען ד. ח.

פרעמיערע! ☞ פרעמיערע!

ווערט געשפילט דער גרויסער שלאַגער, וו לכער איז געשפּילט געוואָרען מיט'ן גרעסטען ערפאָלג אין קאַמינסקי'ס טעאַטער אין ווארשאַ.

# דער יודישער פונק.

אין 5 אקטען מיט 15 נומערען געזאַנג.

זונטאָג דעם 15־טען ד. ח.

פון 80 גר. ביז 2.50 ווערט געשפּילט צום 5 טען מאָל די הערליכע אויסשטאַטונג'ס אָפּערעטע

# די קאווקאזער ליבע

בעמערקונג: זונטאָג ווערט צוגעגעבען א'מוזיקט צו יעדען בילעט דער בעליב־טער דועט „יאַשטשיק“ וואס ווערט געזונגען צוזאמען מיטן פובליקום.

## א כ ט ו נ ג ק ע ל ץ!

היינט פרייטאג די לעצטע פאָרשטעלונג. ס'ווערט געשפּילט ווערען די העכסט־קאָמישע אָפּערעטע,

וואס איז געשפילט געוואָרען אויף אַלע טעאַטערס ביהנעס.

# שא, שא, די מיהמע גייהט

„האַללאַ טשאַטשקאַ“

סופלער: לאָקס. געשעפט'ס־פיהרער: לייכטער.

